בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בשלח
י' שבט תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:43 |
| מוצש"ק | 5:58 |
| ר"ת | 6:37 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:24 | סוז"ת א' 9:34 |
| סוזק"ש ב' 9:07 | סוז"ת ב' 10:02 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קכ"א
שנה ג'

## טיב הפרשה

# די געוואלדיגע חשיבות פון זיכוי הרבים

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר וועגן די פרשת המן, אז הקב"ה האט געגעבן מן פאר כלל ישראל יעדן טאג.

די בשורה אז די שפייז אין מדבר גייט קומען פון הימל, האט כלל ישראל באקומען דורך משה רבינו ע"ה. בשליחות פון הקב"ה געבט משה רבינו איבער פאר'ן כלל ישראל די ידיעה אז עס גייט קומען 'לחם מן השמים'.

אין די זעלבע ידיעה האט זיי אויך משה רבינו מודיע געווען אז איין טאג א וואך גייט זיין אן אויסנאם, אז שב"ק וועט נישט פאלן קיין מן פון הימל און אז פרייטאג וועט קומען א דאפעלטע פארציע, אויך פאר שבת קודש.

אין יענער צייט האט כלל ישראל נאכנישט געוואוסט אז עס איז דא אזא זאך ווי שבת קודש, מען האט נאך געהאלטן פאר מרה, פאר קבלת התורה, די מתנה פון שבת האט מען ערשט מגלה געווען שפעטער.

רש"י זאגט אז כלל ישראל האט געפרעגט פאר משה רבינו מה יום מיומיים, זיי האבן געוואלט פארשטיין וואס איז שבת אנדערש ווי אלע אנדערע טעג, ביז ווען משה רבינו האט זיי מגלה געווען דער סוד פון שב"ק.

אין רש"י איז אויך מבואר אז מען האט געהאט א טענה אויף משה רבינו, פארוואס טאקע האט ער נישט גלייך מגלה געווען פאר כלל ישראל וועגן שבת קודש, פארוואס האט ער זיי ערשט געזאגט וועגן די מן און נאר נאך דעם האט ער זיי מגלה געווען וועגן שבת קודש.

רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז משה רבינו איז נענש געווארן אז אויך ער איז אריין אין כלל פון דער 'עד אנה מאנתם'.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די געשעעניש, פאלט א פחד. עס איז קלאר ווי דער טאג אז ווען משה רבינו האט באשלאסן צו זאגן ערשט די פרשה פון די מן און אז ערשט שפעטער וועט ער זיי דערציילן איבער שבת קודש, האט ער אויסגערעכנט אז אויך אויב ער וועט שפעטיגן זיי צו זאגן איבער שבת - וועט נישט ארויסקומען פון דעם א מכשול אין חילול שבת, אבער דאך האט מען געהאט א טענה אויף אים אז ער וואלט זיך נישט געדארפט זוימען, אז ער וואלט געדארפט זיי גלייך אנזאגן וועגן די מצוה פון שבת קודש.

די נקודה איז א לימוד לדורות. עס איז א לימוד אז מען זאל זיך לערנען אז ווען מען זעט ביי יענעם א זאך וואס זעט אויס ווי א מכשול און מען קען עס מונע זיין, זאל מען זיך נישט זוימען - נאר מען זאל עס גלייך זאגן.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# געדולדיג און דורכגעטראכט

אין א קליין שטעטל האט א בעל-עגלה באדינט די איינוואוינער פאר לאנגע יארן, און ווען ער איז געווארן אלט, האט ער געוואלט אריבערפירן דעם אויפגאבע פאר א יונגערן. ווען דער פאסיגער קאנדידאט איז אנגעקומען צו אים, ווענדיג איבערנעמען פון אים די פערד און וואגן, האט אים דער עלטערער געוואלט אויסלערנען וויאזוי אנצוגיין מיט די ארבעט, האט ער זיך געווענדן צו אים מיט די פאלגנדע פראגע:

וואס וואלסטו געטון, אויב דו דיין וואגן וואלט איינגעזינקען אין א טיפע בלאטע, וויאזוי וואלטסטו עס ארויסגעצויגן פון דארט? האט דער יונגער בעל-עגלה געענטפערט: מען פראבירט מיט אלע כוחות זיך ארויסצוזען פון די בלאטע. האט דער עלטערער ווייטער געפרעגט דעם יונגערן: און אויב עס גייט נישט, און דער וואגן נעמט חלילה איינזינקען טיפער אין די בלאטע? האט דער יונגערער געענטפערט: נעמט מען אראפ די מענטשן פונעם וואגן, און מען בעט זיי אז זיי זאלן ארויסהעלפן עס ארויסשלעפן פון די בלאטע. דער עלטערער איז נאך אלץ נישט צופרידן געווען, נאר ווייטער געפרעגט: און אויב דאס האט אויך נישט געהאלפן? האט אים דער יונגערער געענטפערט: דעמאלטס נעמט מען אויך אראפ אלע חפצים און רענצלעך פונעם וואגן, כדי צו פארגרינגערן דעם לאסט, און מעגליך וועט מען דעמאלטס ענדליך קענען ארויסשלעפן דעם וואגן פונעם זומפ. נאך איין פראגע, זאגט צו אים דער עלטערער: און אויב דאס אלעס האט נישט געהאלפן, און דער וואגן זינקט מער און מער? דא איז שוין דער יונגערער אנטשוויגן געווארן, זאגנדיג: דערויף ווייס איך שוין נישט וואס צו ענטפערן, נאר אדרבה, געב מיר דו אן עצה דערצו.

האט דער עלטערער בעל-עגלה געזאגט צום יונגערן: דער אמת איז, אז פאר א גוטן בעל-עגלה איז דאס בכלל נישט קיין שאלה, ווייל אן ערפאַרענער בעל-עגלה געבט אכטונג פון פאראויס, אז ער זאל נישט אריינגיין אינעם בלאטע, און דערפאר דארף ער בכלל נישט האבן קיין עצות וויאזוי ארויסצוגיין פון די בלאטע...

מיט אט דער משל, וועלן מיר פארשטיין א וויכטיגע נקודה וואס איז מרומז אין די פרשה פון די וואך:

צוויי און פערציג מסעות זענען אידישע קינדער געפארן אינעם מדבר, און זייער טעם איז נישט ערקלערט געווארן, ווייל דער אויבערשטער וואס ער איז דער מסבב כל הסיבות האט געוואוסט די תיקונים וואס איז געטון געווארן דורך זיי, אבער ער האט נישט געפינען קיין געברויך צו ערקלערן וואס זיי זענען, אנדערש איז אבער געווען ביים אנהייב פון זייער וועג אין מדבר, ווען ער האט זיי געמאכט זיך אויסדרייען פון צו גיין דורכן לאנד פלשתים, האט ער געפינען פאר וויכטיג צו אנטפלעקן דער טעם אין די הייליגע תורה, זאגנדיג 'פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה', דעריבער מוז זיין אז אין אט די ידיעה איז דא אַן אנווייזונג אויף לדורות.

דער אויבערשטער האט געזען אז די וועג פון פלשתים וועט שטעלן די אידן אין א נסיון, און דערפאר האט ער זיי אוועקגעדרייט פונעם דאזיגן וועג כדי זיי צו דערווייטערן פונעם נסיון, און דער אויבערשטער האט געוואלט אז אויך אונז זאלן זיך אויסלערנען דערפון דער וועג וויאזוי אים צו דינען, ווייל א מענטש דארף דורכטראכטן זיינע אלע טריט, און איידער יעדע פעולה זאל ער אכטונג געבן אז ער זאל נישט אנקומען דורכדעם צו א נסיון, ווייל נאכדעם וואס מען קומט שוין חלילה אָן צו א נסיון, איז זייער שווער ארויסצוגיין דערפון און נישט געשטרויכלט ווערן אין דעם, און צומאל פארלירט מען כמעט די בחירה, נאר דער עיקר עבודה איז אז מען זאל עס דורכטראכטן פון פאראויס און זען אז מען זאל נישט אנקומען דערצו, פונקט אזוי דער עלטערער קוטשער [בעל-עגלה] האט געענטפערט פארן יונגערן. (עפ"י טיב התורה – בשלח)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

צומאל קען א מענטש חשבונ'ען אז יעצט איז נישט א גוטער צייט, עס איז דאך נישט אזא געשמאקער זאך מעורר צו זיין א צווייטן, ער וועט עס אפלייגן אויף א צווייטער צייט, ער שטופט עס אפ. אבער די תוה"ק איז אונז מעורר דא אז ווען עס קומט צו תוכחה פאדערט זיך פון אונז זריזות, אז מיר זאלן גלייך מוכיח זיין, אז מען זאל עס נישט אפלייגן אויף א שפעטערע געלעגנהייט.

מען זעט פון דעם סיי די הארבקייט פון אפלייגן אויף א צווייטער זמן, און אויך די שטארקע פליכט וואס עס ליגט אויף יעדן פון אונז בנוגע די עצם ענין פון תוכחה.

עס איז וויכטיג אז מען זאל רעדן פון דעם, ווייל היינטיגע צייטן איז דא דערביי א געוויסע שוועריגקייט. אסאך אידן ווען זיך אפהאלטן פון מוסר'ן א צווייטן ווייל עס איז נישט אזא געשמאקער זאך, אבער מען דארף געדענקען אז כל ישראל ערבים זה לזה און אז וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז די לשונות פון וידוי זאלן זיין בלשון רבים, ווייל מיר זענען זיך מתוודה פאר די חטאים פון אנדערע, ווי עס וואלט געווען אונזערע עבירות, ווייל יעדער איד איז אחראי פאר אנדערע אידן.

איך האב אמאל געהאט פון מיין טאטע זצ"ל א מורא'דיגע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט אין די צייטן פון דער חפץ חיים זי"ע.

כידוע האט דער חפץ חיים געוואוינט אין די שטאט ראדין. נישט ווייט פון די שטאט ראדין איז געווען א שטעטל מיט'ן נאמען 'לידא'. אין א טאג איז אנגעקומען א שמועה אז אין די שטאט לידא איז נישט דא קיין געהעריגע כשר'ע מקוה.

ווען דער חפץ חיים האט עס געהערט איז ער אריבערגעפארן אין די שטאט און מעורר געווען די ארטיגע אידן איבער די וויכטיגקייט פון מתקן זיין די מקוה. ער האט גערעדט מיט די שטאטסלייט, אבער זיינע ווערטער זענען געפאלן אויף טויבע אויערן.

זעענדיג אז ער טוט נישט אויף האט ער געלאזט רופן די שטאטסלייט, ער האט זיי געגעבן א צעטיל און געבעטן אז זיי זאלן חתמנ'ען.

אויף וואס גייען מיר חתמ'נען? האבן די אידן געוואלט וויסן.

"אז עס איז נישט מיין שולד אז איר האט נישט קיין כשר'ע מקוה".

דער חפץ חיים האט געגעבן צו פארשטיין אז ווען זיי וועלן ארויפקומען צו בית דין של מעלה וועט מען פאדערן פון זיי היתכן אז זיי האבן גארנישט געטון פאר די מקוה. זיי וועלן זיך ארויסדרייען און זאגן אז היות דער חפץ חיים האט געוואוינט אזוי נאנט און ער האט גארנישט געטון, האבן זיי געמיינט אז עס איז גוט אזוי.

"איך וויל אז איר זאלט חתמ'נען אז עס איז נישט מיין שולד", האט דער חפץ חיים געפאדערט פון זיי.

די ווערטער האבן עושה רושם געווען. גלייך האבן זיי זיך גענומען בויען די מקוה כראוי וכיאות.

דער חפץ חיים האט געשפירט די נקודה פון כל ישראל ערבים זה לזה, און מעורר געווען אויף דעם.

כידוע פלעגט דער חפץ חיים מאכן אסיפות פאר חיזוק היהדות. עס האט זיך אמאל געמאכט אז דער חזון איש איז געווען ביי די אסיפה. בימים ההם איז דער חזון איש נאך געווען יונג, און ווען דער חפץ חיים האט גערעדט איבער טון פאר דעם ציבור איז דער איינדרוק געווען אז דער חזון איש איז נישט געווארן אזוי שטארק איבערגענומען פון דעם.

ווען דער חפץ חיים האט עס געזען האט ער אים געזאגט אז אויך ער וואלט ווען געבליבן זיצן אין זיין ד' אמות און זיך נישט אפגעבן מיט עניני הכלל און מוכיח זיין אנדערע, אבער דער רצון ה' איז נישט אזוי, דער רבוש"ע וויל אז מען זאל שפירן די ערבות, אז מען זאל טון למען הכלל און פארשפרייטן איבער די וועלט דעם רבוש"ע און זיין תורה.

עס איז ידוע וואס עס שטייט אין ספרי קודש איבער די גרויסע שכר וואס עס איז דא פאר איינער וואס איז מזכה אנדערע אידן און ברענגט זיי צוריק לאבינו שבשבמים.

אין חומש אין ספר דברים [קאפיטל י"ג] זעט מען די הארבקייט פון א מסית ומדיח פאר אן עבירה, די תוה"ק זאגט אז מען זאל נישט רחמנות האבן אויף אים און ווי עס איז דער לשון הפסוק 'ולא תחוס עינך עליו ולא תחמול ולא תכסה עליו, כי הרוג תהרגנו וגו' כי בקש להדיחך מעל ה' אלקיך'.

מיר ווייסן דאך אז מידה טובה מרובה, איז דאך זיכער אז ווען מען טוט פאר כבוד שמו יתברך, אפילו אז עס קומט אן שווער, איז דא א גרויסער שכר בזה ובבא.

זאל הקבל"ה געבן אז מען זאל קענען זיין פון די מזכי הרבים און מרבה זיין כבוד שמו יתברך.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דער באס פון היאל רעדט צו איר

פאר לאנגע יארן וואוין איך אין די שטאט ביתר.

איך בין נישט געבוירן אין ביתר, מיינע עלטערן וואוינען ערגעץ אנדערש, און פון צייט צו צייט טרעפן מיר זיך.

עס איז געווען איין טאג ווען מיין משפחה האט מיר געלאזט וויסן אז זיי גרייטן זיך אויף א משפחה שמחה און די שמחה וועט זיין אין די שטאט פתח תקוה.

איך האב נישט קיין אייגענע קאר, אז איך דארף אנקומען קיין פתח תקוה, מוז איך נעמען טראנספארטאציע, אבער עס איז נישט דא קיין דירעקטע טראנספארטאציע פון ביתר קיין פתח תקוה.

מיין הארץ האט זיך געוואלט ארויסדרייען פון זיך באטייליגן, איך האב שוין אפילו מודיע געווען פאר מיינע עלטערן אז איך וועל נישט קענען זיין ביי די שמחה.

יענער נאכט, אהיימקומענדיג, האט מען מיר נאכאמאל געקלינגען פון די משפחה, מען האט מסביר געווען די קריטישקייט פון זיך באטייליגן ביי די שמחה, הערנדיג דאס האב איך באשלאסן אז איך גיי טון השתדלות, איך גיי ארויס אין גאס, איך וועל זען צי איך קען טרעפן א היטש.

איך האב זיך געשטעלט ביי די ווינקל וואו מען קען היטשן, איך האב אפגעשטעלט א קאר, דער קאר זאגט מיר אז ער פארט קיין בית שמש.

בית שמש איז א האלבער וועג, איך האב זיך אריינגעזעצט רעכענדיג אז איך וועל זען וואס איך קען טון. מיר זענען אנגעקומען קיין בית שמש, איך האב זיך נאכאמאל געשטעלט אויפ'ן היטש פלאץ ווארטנדיג צו כאפן א טרעמפ קיין פתח תקוה.

א טראק דרייווער האט זיך אפגעשטעלט, ער זאגט מיר אז ער דארף פארן קיין מודיעין צי איך וויל קומען מיט אים. איך האב געמאכט א חשבון אז מודיעין איז נענטער צו קיין פתח תקוה, ווי בית שמש, איך האב זיך אריינגעזעצט אין די קאר - ויסעו - מען פארט.

אבער דא, נאך זייענדיג אינמיטן די וועג, האב איך מיטגעהאלטן די השגחה העליונה.

מיטאמאל באקומט דער דרייווער א טעלעפאן קאלל.

"וואו ביסטו? איךווארט אויף די סחורה"?

דער אייגענטומער פון די טראק האט געוואלט וויסן וואו ער איז.

"איך בין אויפ'ן וועג קיין מודיעין".

"קיין מודיעין? דו מאכסט א טעות, דריי זיך שנעל אויס, איך דארף דיר ווי פריער אין פתח תקוה".

איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן, דער באס האט גערעדט, אבער איך האב געהערט א בת קול, איינער וואס רעדט צו מיר און צו מיינע געברויכן, איך האב פארשטאנען אז מען מיינט מיר.

דער דרייווער ווערנדיג באגייסטערט פון די אפענע יד ה' האט באשלאסן אז ער גייט מיר צופירן ביז צו די זאל.

"אז עס האט זיך שוין געפירט, זאל עס זיין ביז'ן טיר".

אין הימל האט מען געזען ווי כ'שטרענג זיך אן און מען האט מיר געהאלפן אויספירן מיין פלאן.

נדערציילט דורך דער בעל המעשה: ק. מ.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

אין די טַעֲמֵי הַמִּקְרָא זעען מיר אז די ווארט "אוֹיֵב" איז מיטן טראָפּ 'תְּבִיר', און אינעם ספר "**תורת המגיד**" פונעם **גרויסן הייליגן מגיד רבי דוב בער ממעזריטש זצוק"ל** (ליקוטים, א"צ כט), ווערט געברענגט אז "**תביר**" איז די זעלבע אותיות ווי "**ברית**", אונז צו לערנען אז נאר דורכדעם וואס א מענטש האט חלילה פוגם געווען אינעם **ברית** קודש, קומט דער פיינט נאכצויאגן דעם מענטש חס וחלילה.

לויט דעם ווען מיר אזוי פארשטיין דעם פסוק: "**אָמַר אוֹיֵב**" – דאס איז דער פגם הברית, וואס דאס איז דער גרעסטער פיינט פונעם מענטש. "**אֶרְדֹּף אַשִּׂיג**" – מיטן כח פון אט די זינד, יאגט דער שטן נאכן מענטש און דערגרייכט אים, רחמנא ליצלן. "**אֲחַלֵּק שָׁלָל**" – דורכן פגם הברית טוט די סטרא אחרא צוכאפן פונעם מענטש זיין גאנצן פארמעגן פון תורה ומצוות, ווייל גאנצן שכר גייט צו די חיצונים. "**תִּמְלָאֵמוֹ נַפְשִׁי**" – ווייל פון דעם ווערן אנגעפולט דער שטן און זיינע חיילות, אזוי ווי מיר ווייסן פונעם סוד פון דעם פסוק (איוב כ, טו) 'חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ, מִבִּטְנוֹ יֹרִשֶׁנּוּ אֵל'. "**אָרִיק חַרְבִּי תּוֹרִישֵׁמוֹ יָדִי**" – דורך אט די עבירות ווערט געברענגט רחמנא ליצלן אומגליקן אויף דער וועלט, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די פסוקים פון די תוכחה אין ספר תורת כהנים (ויקרא כו, כד-כה): "וְהֵבֵאתִי עֲלֵיכֶם חֶרֶב, נֹקֶמֶת נְקַם **בְּרִית** וגו', וְהָלַכְתִּי אַף אֲנִי עִמָּכֶם בְּקֶרִי, וְהִכֵּיתִי אֶתְכֶם וגו'".

פונדעסטוועגן, זאגט ווייטער דער פסוק, און אנטפלעקט אונז דעם ליכטיגן עצה אנטקעגן אט דער ביטערער יצר: "**נָשַׁפְתָּ בְרוּחֲךָ כִּסָּמוֹ יָם צָלְלוּ כַּעוֹפֶרֶת בְּמַיִם אַדִּירִים**". מיטן רוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת, בלאזט כביכול השי"ת אויף די אלע פיינט, און מיטן התגברות פונעם רוּחַ אנטקעגן דעם גֶשֶׁם, ווען די מַיִם די וואסערן פונעם דעת, אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה, צודעקן אלע שטארקע כוחות הטומאה פון די וועלט, און די כוחות הקדושה ווען זיך שטארקן צווישן אידישע קינדער, מיט די סגולה פון די געהויבענע **ימי השובבי"ם** אונז צו דערנענטערן צו די תשובה שלמה במהרה בימינו, **אמן**.

->•<-

**איינער פון די גדולי ירושלים** האט געפראוועט א 'נסיעה' צו די מקומות הקדושים אין ארץ ישראל, בצוותא חדא מיט די בני הקהילה, זיינע חשוב'ע תלמידים און אנשי שלומו, צו מתפלל זיין און זיך אויסגיסן דאס הארץ ביי די הייליגע קברי צדיקים.

פארנדיג אויף די נסיעה, האט דער **גרויסער רב שליט"א** געלאזט הערן דברי התעוררות, און צווישן יד רייד האט ער געברענגט פונעם הייליגן **רבי חיים ויטאל זצוק"ל**, אז דורכן זיך משתטח זיין אויף די קברי צדיקים קען מען זוכה זיין צו גרויסע השגות אין תורה און אין עבודת השם, און די קברים פון די הייליגע צדיקים איז זייער א מסוגל'דיג ארט פאר תיקון הנפש. און ער געבט דאס צו פארשטיין, אז דער טעם דערפון איז, וויבאלד ביים ציון פונעם צדיק איז דא א השראה פון הייליגע ניצוצות פון די נשמה פונעם הייליגן צדיק, און אז מען איז זוכה דארט צו מתפלל זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין און מען איז זיך מחבר מיטן גייסט פונעם צדיק, ווערן נתדבק אט די ניצוצות אינעם נפש פונעם מענטש, בסוד 'עיבור הנשמה' הידוע ליודעי ח"ן. [זע אינעם ספה"ק **תפארת שלמה** פרשת במדבר (ד"ה ואתכם יהיו וגו') עיין שם], און דער כח פון אט די הייליגע ניצוצות איז אימשטאנד מעורר צו זיין דעם מענטש און אים צוריקברענגען בתשובה שלמה.

# די תשובה פון די ימי השובבי"ם (ב)

**"אָמַר אוֹיֵב אֶרְדֹּף, אַשִּׂיג אֲחַלֵּק שָׁלָל, תִּמְלָאֵמוֹ נַפְשִׁי, אָרִיק חַרְבִּי תּוֹרִישֵׁמוֹ יָדִי"** טו, ט

אלץ טייל פונעם אויפגאבע פון אט דעם צדיק, איז ער אויך זייער אסאך אין קירוב רחוקים, צוריקצוברענגען די הערצער פון פארבלאנדזשעטע ברידער, בעיקר יונגע בחורים וועלכע האבן זיך ליידער אוועקגעגליטשט, און מיט ווייכע און זיסע רייד ברענגט ער זיי צוריק צום שויס פון אהבת התורה, אהבת השי"ת און אהבת ישראל.

– אין די זעלבע תקופה וואס די אויבנדערמאנטע נסיעה איז פארגעקומען, האט דער חשוב'ער רב געהאלטן אינמיטן מקרב זיין א פארגליטשטער בחור, וועלכער איז ליידער געווען א **הארטער ניסל**, און נישט קיין קליינער עקשן...

דער רב האט שוין געהאט פראבירט מיט אלע ערליי וועגן און מיטלען וואס ער פארמאגט ספעציעל פאר אזעלכע פעלער, און דער בחור איז אויך מיטגעקומען מיטן רב צו זיינע פילע נסיעות וואס ער פאָרט כדי איבערצוגעבן שיעורים און דרשות אין פארשידענע ערטער. – אבער דאס אלעס האט גארנישט געהאלפן, און דער בחור איז ליידער געבליבן פעסט פאר'עקש'נט אנטקעגן יעדער דבר שבקדושה, מיטן פולסטן קעגנערשאפט [התנגדות], רחמנא ליצלן.

אויך ביי די יעצטיגע נסיעה איז אט דער בחור מיטגענומען, און האט זיך פארשטעקט ביי די אונטערשטע בענק פונעם פראכטפולן אויטאבוס. ער האט טאקע נישט געזוכט די פארשידענע תפילות און שיעורים ביי די מקומות, ער האט אבער יא גוט הנאה געהאט פונעם גאנצן 'אויספלוג' און די שיינע זאכן וואס מען האט געזען ביי די רייזע...

דא האט די גאנצע חבורה זיך געקערט אינעם ריכטונג פון צפון-זייט פון די הייליגע לאנד, און אין א מזל'דיגע שעה איז מען אריינגעפארן אין די הייליגע שטאט **טבריה ת"ו**, ווען צום ערשט האט מען באזוכט אינעם אלטן בית החיים וואס געפינט זיך ביים עק פונעם שטאט, וואו עס געפינט זיך דער רו-אָרט פון די הייליגע צדיקים די מלאכי עליון, די **תלמידי הבעש"ט הקדוש זי"ע**, און פון דארט האט מען פארגעזעצט צום הייליגן ציון פונעם תנא הָאֱלֹקִי **רבי עקיבא** אין טבריה.

דארט ביים ציון הקדוש פון רבי עקיבא, האט זיך דער חשוב'ער צדיק צופייערט, און האט מאריך געווען מיט דברי כיבושין איבער די געוואלדיגע מסירות נפש פון רבי עקיבא, וואס ער וואלט נישט געקענט זוכה זיין צו ווערן גע'הרג'עט על קידוש השם הנורא צווישן די עשרה הרוגי מלכות, אויב נישט וואס כל ימיו האט ער געהאט צער און האט געלעכצט און אויסגעקוקט זיך צו קענען מוסר נפש זיין פארן הייליגן באשעפער (ברכות סא:), וואס דורכדעם איז אויסגעקומען אז זיין גאנצן לעבן איז געווען איין שטיק געוואלדיגע מסירות נפש, און ווער עס לעבט מיט מסירות נפש דער איז זוכה אויך צו שטארבן מיט מסירות נפש!

און אזוי, מיט א געוואלדיגע און הייליגע פלאם-פייער, האט דער רב מאריך געווען איבערן געוואלדיגן גרויסקייט פון מסירות נפש, וואס דאס איז גרעסער ווי אלע אנדערע מעלות. און דערנאך האט ער צוגעגעבן, אז עס פעלט נישט אויס דווקא אז מען זאל געשאָכטן ווערן אויף קידוש השם, אדער מען זאל ארויפגיין אויפן מזבח אין די קרעמאַטאָריומס [משרפות/כבשנים] פון אוישוויץ... נאר יעדער איד, אין זיין פשוט'ע טאג-טעגליכע לעבן, טרעפט זיך פאר אים פילע ענינים פון מסירות נפש! וויבאלד ביי יעדער זאך וואס מען דארף צוברעכן דעם נאטור און טון אנטקעגן זיין רצון און זיך קעגנשטעלן קעגן דאס וואס זיין הארץ גלוסט, הייסט דאס דאך מסירות נפש פאר השם יתברך, אזוי ווי **רש"י ז"ל** איז מפרש אין כמה מקומות (בראשית כג ח, איוב ו יא) אז די וואָרט 'נפש', מיינט מען 'רצון'. אויב אזוי קומט דאך אויס, אז יעדן רצון וואס דער מענטש טוט שעכטן פארן אויבערשטנ'ס וועגן, איז עס דאך מסירות נפש בפועל.

די ווארימע שמועס וואס איז געזאגט געווארן מיט גרויס פלאַם, איז געקומען צו אן אפשטעל, און דערנאך האט זיך אנגעהויבן דער מעמד 'תפילת רבים'. דער ציבור, וועלכער איז שטארק נתעורר געווארן דורכן וואונדערליכן הכנה שמועס, האט זיך געשטעלט צו א פארכטיגע מעמד פון תפילה, און פילע האבן זיך דארט ציוויינט בדמעות שליש, און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ אויפן הייליגן ציון פון רבי עקיבא, ביי די קאפיטלעך תהלים וואס זענען געזאגט געווארן פסוק בפסוק, און ביי די ספעציעלע סליחות וואס זענען אויסגעקליבן געווארן דורך די רבני הקהילה, וַיְהִי הַמָּקוֹם לְחֶרְדַּת אֱלֹקִים.

דערנאך איז מען ווייטער געפארן קיין עיר הקודש **צפת ת"ו**, און אונטערוועגנס האט מען אויך נישט פארפעלט פון די פילע קברי הקדמונים וואס געפינען זיך דארט אויפן וועג, ווען מען האט געענדיגט די נסיעה מיט א הארציגע און ווארימע מעריב דאווענען ברוב עם אינעם אתרא קדישא **מירון יצ"ו**, ביים ציון התנא האלקי **רבי שמעון בר יוחאי זיע"א**.

עטליכע טעג זענען דורכגעגאנגען פונעם דאזיגן נסיעה, און אט איז דער אויבנדערמאנטער בחור ערשינען ביים הויז פונעם רב מיט א געוואלדיגע שמחה, און מיט גרויס באגייסטערונג האט ער דערציילט פארן צדיק אז ער האט באשלאסן צו פארלאזן זיין זינלאזן וועג, און ער גייט זיך צוריקקערן לצור מחצבתו, טראצדעם וואס עס איז איבערהויפט נישט גרינג...

דער רב איז געבליבן שטארק פארוואונדערט, וועלנדיג פארשטיין וואס עס האט פונקט יעצט געכאפט ביים בחור דאס צו באשליסן, אנשטאט דעם וואס ביז יעצט איז דער בחור געווען אזוי פאר'עקש'נט זיך נישט צו טוישן.

זעענדיג דעם גרויסן וואונדער פונעם צדיק, האט דער בחור דערציילט, אז אלעס האט זיך אנגעהויבן ביים פייערדיגן דרשה פונעם רב ביים ציון פון רבי עקיבא אין טבריה. די הארציגע ווערטער האבן טיף אריינגעדרינגען אין זיין הארץ, און ער האט זיך גענומען ערנסט טראכטן און רעכענען דעם **חשבונו של עולם**. זיינע געדאנקען האבן זיך געהויבן צו די הייליגע צדיקים וועלכע האבן געלעבט זייער גאנצן לעבן מיט א געוואלדיגע מסירות נפש, אזוי ווי דער רב האט מאריך געווען – אויך פאר זיי איז דאך נישט געווען גרינג... האט דער בחור אויסגעפירט ביי זיך, און אויב זיי האבן זיך מתגבר געווען מיט א

המשך אין עמוד ד'

געוואלדיגע מסירות נפש, פארוואס זאל איך נישט קענען זיך אביסל שטארקן איבער דאס יצר הרע און איבער די תאוות עולם הזה והבליו! דאס איז דאך עפעס וואס איז שייך פאר יעדן איינעם, אפילו פאר א פשוט'ער איד, אזוי ווי דער רב האט געגעבן אזוי קלאר צו פארשטיין!

די פארכטיגע מעמד התפילה וואס איז פארגעקומען דערנאך ביים הייליגן ציון, האט געמאכט אינגאנצן צוגיין זיין הארץ, און ער האט גלייך מקבל געווען אויף זיך דארט אויפן פלאץ, מיט א פעסטע החלטה, אז ער גייט טוישן זיין וועג צום גוטן! ער איז ווירקליך איבערגעדרייט געווארן צו א וואונדערליכער בעל תשובה, בעזרת השם יתברך שמו.

**וואס מיר לערנען זיך פון אט די מעשה – פאר אלע וואס זענען עוסק אין די מלאכה פון 'קירוב': מיר קענען קיינמאל נישט וויסן ווען און וויאזוי אונזערע דיבורים וועלן אויפטון ביי די הערצער פון די יוגנט, אויף וואספארא אופן און ביי וועלכן ארט און געלעגנהייט, וועט זייער הארץ געכאפט ווערן זיך צו דערנענטערן צו די קדושה. דעריבער דארפן מיר נישט טון עפעס אנדערש, ווי זיך צו אנהאלטן אינעם פאך פון אונזערע אבות, און 'תּוֹלַעַת יַעֲקֹב אֵין כֹּחָהּ אֶלָּא בְּפִיהָ', אז מען זאל מתפלל זיין פאר זייערטוועגן און צו רעדן צו זיי מיט ווייכע רייד וויפיל מיר וועלן קענען. און אויב מיר פון אונזער זייט, וועלן טון דאס השתדלות און דאס ארבעט מיט תמימות און ערליכקייט, וועט דער אויבערשטער טון דאס זייניגע, און גיסן אויף זיי א גייסט פון תשובה און התקרבות פון אויבן, צו דערנענטערן זיינע באליבטע קינדער אֶל חֵיק הַשְּׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, לְמַעַן יֵלְכוּ בְּדֶרֶךְ טוֹבִים.**

דערנאך האט זיך אט דער גדול אויסגעדרוקט, אז עס איז מעגליך אז ביים ציון פון רבי עקיבא איז דא א ספעציעלן סגולה פאר התקרבות תיקון הנפש. לויט ווי עס ווערט ערקלערט אין די **כתבי האר"י** ז"ל לגבי די עשרה הרוגי מלכות, אז עס איז דא ביי זיי א ספעציעלן א התעוררות הלב, און זייער בלוט רוט נישט. וז"ל הרב **בשער הכוונות** (דרושי תפילת השחר דרוש א): "וְאוֹמְרִים: 'קֵל נְקָמוֹת ה' קֵל נְקָמוֹת הוֹפִיעַ' (תהלים צד, א), שֶׁיִּנְקֹם נִקְמַת אוֹתָם עֲשָׂרָה הֲרוּגֵי מְלוּכָה. וְעַל יְדֵי הַזְּכִירָה הַזֹּאת הֵם מִתְגַּבְּרִים וְלוֹקְטִים הַנִּיצוֹצוֹת שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַנְּתוּנוֹת תּוֹךְ הַקְּלִיפָּה דַּעֲשִׂיָּה" עכל"ק.

->•<-

איך האב געהערט פון אבי מורי הגה"צ זצוק"ל, אז איינמאל איז **החסיד דער ווילנער גאון** זצוק"ל געגאנגען אום **שבת** קודש ביים גרויסן גאס אין צענטער פון שטאט, וואו ער האט געזען ווי א יונגער אידישער פורק עול איז ליידער געזעצן ברוב חוצפתו און גערייכערט א ציגערעטל בעיצומה של השבת קודש, זייענדיג מחלל שבת בפרהסיא רח"ל!

האט זיך דער הייליגער גר"א צוגעבויגן צו אים און אים געזאגט: וויסן זאלסטו, אז דו ביסט עָתִיד לִתֵּן אֶת הַדִּין און וועסט שטארק באשטראפט ווערן פאר די ביטול תורה וואס דו ביסט יעצט מְבַטֵּל!

האט זיך דער מענטש צולאכט: אויב מען איז שוין מחלל שבת בפהרסיא, וועט מען נאך פאדערן אויבן פאר די עבירה פון ביטול תורה?

יא יא, האט דער הייליגער גאון געענטפערט, ווייל אזוי האבן מיר געלערנט אין **פרקי אבות** (פ"ג מ"א): "וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן", פארוואס שטייט א טאפלטער לשון, "דִּין וְחֶשְׁבּוֹן"? און נאכמער איז שווער, אז לכאורה וואלט געדארפט שטיין "חֶשְׁבּוֹן וְדִין", ווייל אין אנהייב מאכט מען דאך א חשבון פון אלע מעשים פונעם מענטש, און נאר דערנאך פסק'נט מען דעם דין, אויב אזוי, וויאזוי איז שייך צו מקדים זיין דער דין נאך איידער מען האט געמאכט דעם חשבון?

נאר, 'דין' – איז אויף דער עצם עבירה, און 'חשבון' – דאס איז אויף דער חשבון פון צייט וואס מען האט זיך מבטל געווען פון תורה אינדערצייט פון די עבירה, וויבאלד ער האט דאך געקענט לערנען אין די צייט...

**דער איד איז זייער שטארק נתעורר געווארן פון די ווערטער וואס ער האט געהערט, וויבאלד ביז יעצט האט ער געמיינט אז ער האט שוין אינגאנצן אפגעריסן דעם קשר מיטן בורא עולם, חס וחלילה! אבער יעצט האט אים דער גאון אויפגעוויזן אז דער אויבערשטער פאדערט נאך פון אים אויף די צייט וואס ווערט נישט אויסגעניצט פארן אויבערשטנ'ס וועגן, און פון דעם האט ער ארויסגענומען די מסקנא אז דער אויבערשטער וואַרט אויף אים! קומט דאך אויס אז זיין קשר מיטן אויבערשטן האט זיך נישט אפגעהאקט... ער איז נתעורר געווארן צו תשובה שלימה, און האט זיך צוריקגעקערט צום גוטן וועג.**

->•<-

עס ווערט דערציילט אויף א רוזשינער חסיד וועלכער האט זיך ארויסגעלאזט אויף א 'נסיעה' צו זיין הייליגן רבי'ן – איינער פון די אייניקלעך ממשיכי דרכו פונעם הייליגן קדוש **'ישראל' פון רוזשין זצוק"ל**. ווען דער חסיד האט זיך צוריקגעקערט פון זיין נסיעה, האבן אים זיינע חברים דערקוטשעט און געפרעגט: נו, וואס האסטו שוין געזען ביי דיין רבי'ן? מ'זעט דאך דארט גארנישט! – ווי באקאנט פלעגן די אדמור"י בית רוזשין שטארק זיך באהאלטן, ביים 'טיש' האבן זיי נישט געזאגט 'תורה', און ביי די תפילות פלעגן זיי זיך באהאלטן ביי זיך אין זייער 'חדר מיוחד', און האבן נישט געוויזן קיין שום סימנים פון צידקות.

האט דער חסיד זיי געזאגט ווי פאלגנד: זעט נאר, איידער איך האב זיך ארויסגעלאזט אין וועג, האב איך מיך געפילט ממש ווי אַן אדם השלם, וואס דער גאנצער עולם הבא איז נישט גענוג פאר מיר... אבער נאכדעם וואס איך האב זיך געפינען ביי מיין רבי'ן, און איך האב געזען ווי ווייט עס דערגרייכט די מידת האמת! האב איך געפילט אז דאס גאנצע גיהנם וועט נישט זיין גענוג פאר מיר! און איך האב געגעבן א שבח והודאה פאר השי"ת פאר יעדן רגע וואס דער דאך פאלט נישט אראפ אויף מיין קאפ און צודריקט מיך נישט...

אין אן אנדער געלעגנהייט, האט א שארפער רוזשינער חסיד געענטפערט זיין שווער, וועלכער האט אים געפרעגט אן ענדליכע פראגע: נו, וואס האסטו דארט געזען ביים רבי'ן? וואס האסטו דען געהערט דארט? דיין רבי שווייגט דאך א גאנצע צייט!

איך האב געזען, און נאך ווי! – האט דער קלוגער איידעם געענטפערט – איך האב געזען ווי דער רבי שווייגט, און די חסידים הערן און הערן!!!







יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173